בעזרת השם יתברך

# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת

גליון פאר'ן שבת טיש

פרשת
בהר בחקתי
כ"ו אייר שנת תשפ"א
לפ"ק
שנה 2, גליון 22
(37)



ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב

**שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, מְבָרְכִים חוֹדֶשׁ אִיָּיר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶוען אִין וִוילְיַאמְסְבּוּרְג יע"א; אִינְדֶערְפְרִי נָאכְ'ן דַאוֶוענֶען בַּיים 'קִידּוּשָׁא רַבָּא' הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אָנְגֶעהוֹיבְּן אַ נַייעֶ מַעֲשֶׂה, מַעֲשֶׂה ט, מֵחָכָם וְתָם.**

אֵיידֶער דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: מִיר גֵייעֶן יֶעצְט לֶערְנֶען אַזַא שֵׁיינֶע זִיסֶע מַעֲשֶׂה. מוֹהֲרַ"אשׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט אַלְץ זָאגְן אוֹם 'שְׁמִינִי עֲצֶרֶת', אַז וֶוען מֶען זָאגְט 'סֵפֶר קֹהֶלֶת' זֶעט יֶעדֶער וִוי אַ שֵׁיינֶע סֵפֶר דָאס אִיז, עֶס אִיז זִיכֶער אַז יֶעדֶער מַאכְט מַאכְט דֶעמָאלְט אָפּ אַז מֶען גֵייט דָאס לֶערְנֶען אַ גַאנְץ יָאר, מֶען וֶועט נִישְׁט אָפְּלָאזְן דֶעם סֵפֶר; דָאס זֶעלְבֶּע אִיז לְגַבֵּי דֶעם מַעֲשֶׂה, דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם חָכָם אוּן תַּם, וֶוען מֶען לֶערְנְט דֶעם מַעֲשֶׂה טְרַאכְטְן אַלֶע 'אִיךְ לָאז אָפּ אַלֶע מַיינֶע אַנְדֶערֶע שִׁיעוּרִים, אוּן אַ גַאנְצְן טָאג וֶועל אִיךְ נָאר לֶערְנֶען דֶעם מַעֲשֶׂה'; אַזוֹי שֵׁיין אוּן זִיס אִיז עֶס צוּ לֶערְנֶען. אִין דֶעם מַעֲשֶׂה לֶערְנְט אוּנְז דֶער רֶבִּי וִוי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ קֶען דוּרְכְגֵיין זַיין לֶעבְּן פְרֵיילִיכְעֶרְהֵייט אוּן רוּאִיגֶערְהֵייט; דוּרְךְ תְּמִימוּת אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ אַ רוּאִיגֶע לֶעבְּן, אוּן דוּרְךְ חָכְמוֹת אוּן פִילָאזָאפְיֶע הָאט מֶען אַ בִּיטֶערֶע לֶעבְּן.

הֵייבְּט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אָן דֶערְצֵיילְן:

**מַעֲשֶׂה אַמָאל זֶענֶען גִיוֶוען צְוֵויי בַּעֲלֵי בָּתִּים אִין אֵיין שְׁטָאט. אוּן זֵיי הָאבִּין גִיהַאט גְרוֹיס עֲשִׁירוּת. אוּן הָאבִּין גִיהַאט גְרוֹיסֶע הַייזֶער. דִי צְוֵויי בַּעֲלֵי בָּתִּים הָאבִּין גִיהַאט צְוֵויי זִין. דְהַיְינוּ אִיטְלִיכֶער הָאט גִיהַאט אֵיין זוּן.**

**דִי צְוֵויי קִינְדֶער הָאבִּין בֵּיידֶע גִילֶערִינְט אִין אֵיין חֵדֶר. אוּן אֵיינֶער פוּן זֵיי אִיז גִיוֶוען אַ חָכָם אוּן אֵיינֶער אִיז גִיוֶוען אַ תָּם. (נִיט עֶר אִיז גִיוֶוען אַ נַאר. נָאר זַיין שֵׂכֶל אִיז גִיוֶוען פְּרָאסְטִי אָן חָכְמוֹת).**

דֶער רֶבִּי זָאגְט דָאס אִין אָנְהֵייבּ פוּן דִי מַעֲשֶׂה כְּדֵי מִיר זָאלְן וִויסְן אַז מֶען רֶעדְט נִישְׁט דָא פוּן אַ תָּם וָואס הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שֵׂכֶל, נָאר פוּנְקְט פַארְקֶערְט, דֶער תַּם אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי קְלוּג אַז עֶר הָאט גֶעוִויסְט וִוי אַזוֹי צוּ נִיצְן זַיין שֵׂכֶל, אָן קַיין חָכְמוֹת אוּן פִילָאזָאפְיֶע, אוּן דֶערִיבֶּער אִיז עֶר שְׁטֶענְדִיג גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ, אַזוֹי וִוי מִיר וֶועלְן זֶען שְׁפֶּעטֶער אִין דִי מַעֲשֶׂה.

**אוּן דִי צְוֵויי קִינְדֶער הָאבִּין זִיךְ זֵייעֶר לִיבּ גִיהַאט. כָאטְשֶׁע אֵיינֶער אִיז גִיוֶוען אַ חָכָם אוּן דֶער אַנְדֶערֶער אִיז גִיוֶוען אַ תָּם אוּן זַיין שֵׂכֶל אִיז פְּרָאסְטִי גִיוֶוען. פוּן דֶעסְט וֶועגִין הָאבִּין זֵיי זִיךְ פָארְט זֵייעֶר לִיבּ גִיהַאט.**

זֶעט מֶען פוּן דָא אַז עֶס אִיז דָא אַזַא זַאךְ אַז צְוֵויי מֶענְטְשְׁן זָאלְן זִיךְ לִיבּ הָאבְּן אֲפִילוּ וֶוען זֵיי הָאבְּן פַארְשִׁידֶענֶע אַנְדֶערֶע נַאטוּרְן, אַזוֹי וִוי דִי צְוֵויי חֲבֵרִים, דֶער חָכָם אוּן תַּם וָואס הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט טְרָאצְדֶעם זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען גָאר אַנְדֶערְשׁ אֵיינֶער פוּן אַנְדֶערְן, אֵיינֶער אִיז גֶעוֶוען אַ חָכָם אוּן דֶער צְוֵוייטֶער אַ תָּם; דָאס דַארְף מֶען וִויסְן בַּיי 'שָׁלוֹם בַּיִת', אַז יֶעדֶע פָּארְפָאלְק קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶעבְּן אִינְאֵיינֶעם מִיט לִיבְּשַׁאפְט אֲפִילוּ זֵיי הָאבְּן פַארְשִׁידֶענֶע אַנְדֶערֶע נַאטוּרְן אֵיינֶע פוּן דִי אַנְדֶערֶע, דָאךְ קֶען מֶען זִיךְ וַוייטֶער לִיבּ הָאבְּן.

<<<

## חִינּוּךְ וִוינְקֶל

גענומען פונעם קונטרס "אידישקייט איז שיין"

### יְסוּרִים פוּנֶעם

### קְלִיפּ

לֵייגְט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער 'אִידִישְׁקֵייט אִיז שֵׁיין', אוּן דָאס וָואס קוּקְט אוֹיס פוּן אִינְדְרוֹיסְן שֵׁיין מֵיינְט נִישְׁט אַז עֶס אִיז טַאקֶע שֵׁיין. אֵיינֶער הָאט זִיךְ לֶעצְטְנְס אוֹיסְגֶערֶעדְט צוּ מִיר: "אִיךְ הָאבּ גֶעקוּקְט אַ קְלִיפּ פוּן אַ חֲתוּנָּה אוּן אִיךְ הָאבּ יְסוּרִים פוּן דֶעם, אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען דֶעם קְלִיפּ פוּן חָתָן כַּלָּה וואוּ זֵיי וַוייזְן זֵייעֶר לִיבְּשַׁאפְט וְכוּ'", הָאבּ אִיךְ יֶענֶעם גֶעזָאגְט: צוּפֶעלִיג קֶען אִיךְ דֶעם חָתָן פוּן יֶענֶע חֲתוּנָה, עֶר אִיז אַרוֹיפְגֶעקוּמֶען צוּ מִיר דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם סֻכּוֹת אוּן זֵייעֶר גֶעוֵויינְט עֶר וִויל זִיךְ גֶטְ'ן, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין לֶעבְּן, עֶר הָאט גָארְנִישְׁט מִיט אִיר, זִי וִויל נִישְׁט קַיין לֶעבְּן; נֶעבֶּעךְ פַאר דִי מֶענְטְשְׁן וָואס קוּקְן קְלִיפְּס אוּן מֵיינֶען 'דֶער לֶעבְּן' אִיז בַּיי יֶענֶעם, אַ רַחְמָנוּת אוֹיף בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ וָואס קוּקְן דִי זַאכְן; דֶער קְלִיפּ אִיז פוּנְקְט גֶענוּג צוּ מַאכְן בּוֹיךְ וֵויי פַאר מֶענְטְשְׁן וָואס קוּקְן עֶס, זֵיי זָאלְן טְרַאכְטְן 'יֶענֶער' הָאט אַ לֶעבְּן מִיט לִיבְּשַׁאפְט אוּן 'אִיךְ' הָאבּ נִישְׁט קַיין לֶעבְּן"...; עֶס דַאכְט זִיךְ אַז בַּיי יֶענֶעם וָואס גֵייט אָן אַ בָּארְד אוּן דִי פְרוֹי טְרָאגְט אֵייגֶענֶע הָאר - בַּיי זֵיי אִיז דָא עֶכְטֶע לִיבְּשַׁאפְט, אִין דִי צַייט וָואס דָאס אִיז בְּלוֹיז אַ לִיגְנְט, זֵיי הָאבְּן גָארְנִישְׁט, יֶענֶע פִינְף מִינוּט בְּשַׁעַת זֵיי הָאבְּן גֶעמַאכְט דֶעם קְלִיפּ הָאט אוֹיסְגֶעקוּקְט וִוי זֵיי הָאבְּן אַ לֶעבְּן, עֶס אִיז פוּנְקְט גוּט גֶעוֶוען צוּ מַאכְן נִסְיוֹנוֹת.

אַ תַּלְמִידָה דֶערְצֵיילְט, זִי גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶועריקֵייטְן אִין אִיר לֶעבְּן, זִי קוּמְט פוּן אַ סְקוּל וָואס מֶען הָאט גֶעלֶערְנְט מִיט דִי תַּלְמִידוֹת חוּמָשׁ אוּן תּוֹרוֹת, זִי דֶערְצֵיילְט זִי פְלֶעגְט זִיצְן פַארְטְרַאכְט קוּקְנְדִיג אוֹיפְ'ן לֶערֶערִין, אִיר קָאפּ אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אִין קְלַאס, וֶוען זִי אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין 'בֵּית פֵיגָא' הָאט זִיךְ אַלֶעס גֶעטוֹישְׁט, וֶוען אִיר קָאפּ פְלִיט אַוֶועק, פוּן דֶעם רֶעדְט דִי טִיטְשֶׁער, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, זִי הֵייבְּט אָן טְרַאכְטְן פוּן 'הַנָּאָה הָאבְּן פוּן דִי וֶועלְט וְכוּ'" - הֵייבְּט דִי לֶערֶערִין אָן רֶעדְן פוּן דֶעם, זִי הֵייבְּט אָן טְרַאכְטְן פוּן 'לִיבְּשַׁאפְט' - הֵייבְּט דִי לֶערֶערִין אָן רֶעדְן פוּן דֶעם, זִי זָאגְט: דִי טִיטְשֶׁער שְׁמוּעֶסְט פוּן אַלֶע סָארְט זַאכְן פוּן וָואס אִיךְ טְרַאכְט, אַז מֶען קֶען עֶס הָאבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען קֶען הַנָּאָה הָאבְּן פוּן דִי וֶועלְט צוּזַאמֶען מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען הָאט חֲתוּנָה, מֶען פִירְט אַ אִידִישֶׁע לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן - דָאס אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע זַאךְ.

וֶוען מֶען רֶעדְט צוּ קִינְדֶער פוּן תּוֹרָה וּמִצְוֹת דַארְף עֶס זַיין אוֹיף אַ רוּאִיגֶע וֶועג, אוֹיף אַ שֵׁיינֶע וֶועג; וֶוען מֶען רֶעדְט פוּן הֲלָכָה וְכַדוֹמֶה נוּצְט מֶען דֶעם שְׁפְּרַאךְ: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל אַזוֹי, עֶס אִיז גוּט וֶוען מֶען טוּט וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל", מֶען דַארְף רֶעדְן שֵׁיין אוּן אַזוֹי וֶועט עֶס אַרַיינְגֵיין אִין זֵיי.

אין אַ צייט אַרום. האָבען אָן גיהויבין די ביידע בעלי בתים אַראָפּ צו גיין. פון זייער עשירות. און זענען אַלין אַראָפּ מטה מטה. ביז זיי האָבין גאָר אָן גיוואוירן און זיי זענען גיוואָרין אָרימע לייט. און סע איז זיי מער ניט גיבליבן נאָר זייערע הייזער. און די קינדער האָבן אָנגיהויבין אונטער צו וואַקסין. האָבין די בעלי בתים גיזאָגט צו די קינדער. מיר האָבין ניט צו צאָלין פאַר אייך. מיר קענען ניט האַלטין אייך. טוט אַייך וואָס איר וועט קענען. איז גיגאַנגען דער תם און האָט זיך גילערינט שוסטעריי.

דער חכם איז גיוועזן אַ בר הבנה (כלומר אַ קלוגער אַ פאַרשטאַנדיקער מענטש) האָט ער ניט גיוואָלט זיך נעמען צו אַזוי אַ פּראָסטי מלאכה. און ער האָט זיך מיישב גיוועזן. ער וועט זיך לאָזין אויף דער וועלט. און וועט זיך אַרום קוקן וואָס ער זאָל טאָן. און ער איז אַרום גיגאַנגען אין מאַרק. האָט ער דערזעהן אַ גרויסע בריקע מיט פיר פערד מיט כאָמיטים איז דורך גילאָפן. האָט ער זיך אָנגירופין צו די סוחרים פון וואַנעט זענט איר. האָבין זיי אים גיענטפערט פון וואַרשאַ. וואו היין פאָרט איר. קיין וואַרשאַ. האָט ער זיי גיפרעגט. טאָמער באַדאַרפט איר איין משרתיל. די סוחרים האָבן גיזעהן אַז ער איז אַ קלוגער יונג און אַ בריה. איז ער זיי גיפעלין. האָבין זיי אים מיט גינומען. איז ער גיפאָרין מיט זיי און האָט זיי באַדינט אויף דעם וועג. זייער פיין. ווי ער איז גיקומען קיין וואַרשאַ מחמת ער איז גיוועזן אַ בר הבנה. האָט ער זיך מיישב גיוועזן. אַז איך בין שוין אין וואַרשאַ. נאָך וואָס זאָל איך מיך האַלטין ביי די סוחרים. טאָמער איז דאָ אַ בעסער אָרט פון זיי. לאָם איך גיין זוכין. וועל איך זעהן.

דאָס האָט אים זיין 'קלוגשאַפט' צוגעברענגט, ער האָט זיך שוין ענדליך מסדר געווען מיט אַ אַרבעט, האָט ער זיך ווידער אָנגעהויבן פייניגן 'אפשר איז דאָ פאַר מיר אַ בעסערע אַרבעט'.

און ער איז גיגאַנגען אין מאַרק. און ער האָט אָנגיהויבין צו קלערין און נאָך צו פרעגין אויף די מענטשן וואָס זיי האָבין אים גיבראַכט. און אויב סע איז דאָ איין בעסער אָרט פון זיי. האָט מען אים גיענפערט. אַז די לייט (וואָס זיי האָבין אים אַהער גיבראַכט) זענען ערליכע לייט. און סע גוט ביי זיי צו זיין נאָר מחמת דעם איז זייער שווער ביי זיי צו זיין. מחמת זייער משא ומתן איז זייער אין ווייטע ערטער.

דערווייל איז ער גיגאַנגען און ער האָט דערזעהן גיוועלב משרתים. ווי זיי זענען גיגאַנגען אין מאַרק. און זיי זענען גיגאַנגען אַזוי ווי זייער שטייגער איז. מיט זייערע חן. מיט זייערע היטלעך און מיט די שפּיציקע שיך און מיט די איבריקע חן. וואָס זיי האָבן אין זייער גאַנג. און ווי זיי גייען אָנגיטאָן. און ער איז גיוועזן אַ בר הבנה און אַ קלוגער יונג. איז אים די זאַך זייער גיפעלין מחמת סע איז אַ שיינע זאַך. און סע איז אין דער היים אויף איין אָרט. איז ער גיגאַנגען צו די מענטשן וואָס זיי האָבין אים גיבראַכט. און האָט זיי אָפּגידאַנקט. און האָט צו זיי גיזאָגט. אַז סע פאַר אים ניט גוט ביי זיי צו זיין. און דאָס וואָס זי האָבין אים גיפירט אַהער דערפאַר האָט ער זיי באַדינט אויף דעם וועג.

און ער איז גיגאַנגען און האָט זיך גישטעלט ביי אַ בעל הבית. און דער סדר פון די משרתים. אַז פריר מוז מען זיין איין אונטער משרת. און מען מוז טאָן שווערע אַרבעט. און מנעמט וויינג שכירות. דערנאָך ווערט מען ערשט איין אייבער משרת.

טייערע בחורים און אינגעלייט; דער רבי לערנט אונז דאָ אַז מען קען נישט אויף איינמאל ווערן גרויס, מען קען נישט גלייך ווערן אַ 'מענידזשער' אין אַ קאָמפּעני, מען קען נישט גלייך עפענען אַ 'אייגענעם ביזנעס', צום ערשט דאַרף מען אָנהייבן מיט אַ פּשוט'ע אַרבעט, אַרבעטן ביי אַ צווייטן פאַר אַ קליינע געהאַלט און מען אַרבעט שווער, און ערשט נאָכדעם באַקומט מען אַ גרינגערע פּרנסה וואו מען אַרבעט גרינגער פאַר מער געלט.

אַזוי איז מיט יעדע זאַך, מען קען נישט ווערן גלייך אַ 'מנהל', אַ 'ראש ישיבה', קודם הייבט מען אָן מיט שווערע אַרבעט, מען אַרבעט שווער מיט קינדער פאַר וויינג באַצאָלט און נאָכדעם באַקומט מען דעם העכערן אַמט.

האָט דער בעל הבית גיטאָן מיט אים שווערע אַרבעט. און פלעגט אים שיקין צו שררות ער זאָל טראָגין סחורה אַזוי ווי דער סדר איז פון משרתים. וואָס זי טראָגן גיוואַנט אויף דעם עלינבויגין. איז אויף אים זייער שווער גיוועזן די אַרבעט. אַמאָל האָט ער באַדאַרפט אַרויף גיין מיט דער סחורה. אויף אַ הויכן גאָרין. איז די אַרבעט אויף אים שווער גיוועזן. האָט ער זיך מיישב גיוועזן. וואָרין ער איז זיך גיוועזן אַ פילוסוף אַ בר הבנה. וואָס טויג מיר די אַרבעט. דער עיקר איז זיך נאָר פון דעם תכלית וועגין. אַז איך זאָל קענען חתונה האָבן און זאָל מיר קענען מפרנס זיין. איך באַדאַרף נאָך דרויף ניט צו קוקין. דרויף וועט צייט זיין שפּעטער. דערווייל. וועל איך מיר בעסער אויס זיין אַ וועלט. און וועל אָנקוקין מדינות.

איז ער גיגאַנגען אין מאַרק. און האָט גיזעהן סע פאָרין סוחרים אויף אַ גרויסער בריקע. האָט ער זי גיפרעגט. וואו היין פאָרט איר. האָבען זיי גיענפערט. קיין לאַגורנאַ. האָט ער זיי גיפרעגט וועט איר מיך נעמען אַהין. האָבען זיי אים געענפערט. יאָ. האָבען זיי אים גינומען אַהין. פון דאָרט האָט ער זיך אַוועק גילאָזט קיין איטליא. פון איטליא האָט ער זיך ווייטער גילאָזט קיין שפּאַניא. דערווייל זענען אַוועק גיגאַנגען כמה יאָרין. און ער איז גיוואָרין נאָך מער חכם. מחמת ער איז גיוועזן אין אַסאַך מדינות. האָט ער זיך מיישב גיוועזן. היינט באַדאַרף מען שוין קוקין אויף איין תכלית.

און ער האָט אָנגיהויבען צו טראַכטן מיט זיין פילוסופיא (כלומר מיט זיין חכמה) וואָס ער זאָל טאָן. איז אים גיפעלין אַז ער זאָל זיך לערנען גאָלד אַרבייט. וואָרין סע איז אַ גרויסע מלאכה און סע איז אַ שיינע מלאכה און סע דרינען גרויס חכמה. און סע איז אַ רייכע מלאכה און מחמת ער איז גיוועזן אַ בר הבנה און אַ פילוסוף. האָט ער ניט באַדאַרפט זיך לערנען די מלאכה כמה שנים. נאָר אין אַ פערטיל יאָר האָט ער מקבל גיוועזן די מלאכה. און איז גיוואָרן זייער אַ גרויסער בעל מלאכה. און ער האָט גיקענט די מלאכה בעסער איידער דער וואָס ער האָט אים אויס גילערינט. דער נאָך האָט ער זיך מיישב גיוועזן. כאָטשע איך האָב אַזוי אַ מלאכה. אין דער האַנט. פון דעסט וועגן פאָרט וויל איך מיר דערמיט ניט באַנוגין. וואָרין היינט איז חשוב דאָס. טאָמער אַנאַנדערע צייט וועט עפּעס אַנדערש חשוב זיין.

דער חכם האַלט שוין דאָ ביי זיין צווייטע אַרבעט אָבער ווייל ער איז אַזאַ גרויסער חכם הערט ער זיך נישט אויף פייניגן 'אפשר וועט איין טאָג געשען אַז דאָס וואָס איך טו יעצט וועט מער גאָרנישט זיין ווערד', איז ער געגאַנגען זוכן אַ דריטע אַרבעט...

און איז גיגאַנגען און האָט זיך גישטעלט ביי אַ שטיין שניידער. און מחמת זיין חכמה האָט ער די מלאכה. אויך מקבל גיוועזן אין אַ קליינער צייט. אין אַ פערטיל יאָר. דערנאָך האָט ער זיך מיישב גיוועזן מיט זיין פילוסופיא. כאָטשע איך האָב אין דער האַנט צוויי מלאכות. וועער ווייסט טאָמער וועלן ביידע ניט חשוב זיין. בכן איז פאַר מיר גוט. אַז איך זאָל מיך לערנען אַזוי אַ מלאכה וואָס זי זאָל תמיד חשוב זיין. האָט ער גיקלערט מיט זיין הבנה און מיט זיין פילוסופיא. אַז ער זאָל זיך לערנען דאָקטאָריי. וואָרין דאָס איז אַ זאַך וואָס מדאַרף תמיד און סע איז תמיד חשוב.

דער חכם איז קיינמאל נישט געוואָרן צופרידן פון זיין אַרבעט, שטענדיג האָט ער זיך געזאָרגט 'אפשר וועל איך איינמאל נישט האָבן קיין פּרנסה, טאָמער די יעצטיגע אַרבעט וועט מער נישט זיין ווערד', האָט ער געטראַכט ער וועט זיך לערנען דאָקטעריי, ווייל דאָס דאַרף מען שטענדיג האָבן; איי, אפשר וועט יעדער זיין געזונט, קיינער וועט נישט דאַרפן צוקומען צו אַ דאָקטער?! - דאָס האָט ער נישט געטראַכט...

און דער סדר איז. אַז מוויל זיך לערנען דאָקטיריי. מוז מען זיך פריר לערנען ליטייניש דאָס לשון און דאָס כתב. און ממוז לערנען פלוסופיא. און ער מחמת זיין הבנה (דהיינו פאַרשטאַנדיקייט) האָט ער דאָס אויך אויס גילערינט אין אַ קליינער צייט. אין אַ פערטיל יאָר. און ער איז גיוואָרין אַ גרויסער דאָקטער און אַ פילוסוף. און אַ חכם אין אַלע חכמות.

דערנאָך האָט ביי אים אָנגיהויבין די וועלט ווערין כלא (כלומר די גאַנצע וועלט איז ביי אים גיוועזן גאָר ניט) דהיינו ער האָט גיהאַלטן אַז קיינער האָט קיין שכל ניט. וואָרין מחמת זיין חכמה. ווייל ער איז גיוועזן אַזוי איין גרויסער בעל מלאכה. און אַזוי אַ חכם און אַזוי אַ דאָקטער. איז איטליכער פון דער וועלט ביי אים גיוועזן כלא (גלייך ווי נישט)

דאָס געשעט מיט אַ מענטש וואָס רעדט זיך איין אַז ער איז דער קלוגסטער מענטש, ער קען מער נישט רעדן מיט קיינעם ווייל ער איז דאָך דער גרעסטער חכם און אַלע אַנדערע מענטשן זענען גאָרנישט ווערד קעגן אים...

און אַזוי זענען אַלע עשירים, זיי רעדן זיך אַז זיי זענען די קלוגסטע מענטשן אויף די וועלט, ביז עס פּאַסט זיי מער נישט צו רעדן מיט מענטשן. איי ווער ביסטו בכלל?! וואו איז דיין חכמה?! - אָבער אַזוי האַלטן זיי ביי זיך

בִּיז עֶס פַּאסְט זֵיי נִישְׁט צוּ רֶעדְן מִיט קַיין מֶענְטְשְׁן.

אוּן עֶר הָאט זִיךְ מְיַישֵּׁב גִיוֶוען. עֶר וֶועט זִיךְ שׁוֹין מַאכִין אַ תַּכְלִית. אוּן וֶועט נֶעמֶען אַ וַוייבּ.

אָבֶּער אַ מֶענְטְשׁ וָואס הַאלְט זִיךְ אַזוֹי קְלוּג, עֶר קֶען נִישְׁט רֶעדְן מִיט קַיין מֶענְטְשְׁן, קֶען אוֹיךְ נִישְׁט נֶעמֶען קַיין וַוייבּ, וַוייל קַיין אֵיין פְרוֹי וֶועט נִישְׁט זַיין גֶענוּג פַּאסִיג לוֹיט וִוי עֶר הַאלְט זִיךְ אַזוֹי קְלוּג.

הָאט עֶר זִיךְ גִיטְרַאכְט אִין דֶער דֵעָה. אַז אִיךְ וֶועל דָא חֲתוּנָה הָאבִּין. וֶוער וֶועט וִויסִין. וָואס פוּן מִיר אִיז גִיוָוארְן. לָאם אִיךְ מִיךְ בֶּעסֶער אוּם קֶערִין אַהֵיים. כְּדֵי מֶען זָאל זֶעהְן וָואס פוּן מִיר אִיז גִיוָוארִין. אִיךְ בִּין אַוֶועק אַ קְלֵיין יוּנְגִיל. אוּן הַיינְט בִּין אִיךְ גִיקוּמֶען צוּ אַזוֹי אֵיין גְדוּלָה. אוּן עֶר הָאט זִיךְ אוֹיף גִיהוֹיבִּין אוּן אִיז גִיפָארִין אַהֵיים. אוּן עֶר הָאט גִיהַאט גְרוֹיסֶע יְסוּרִים אוֹיף דֶעם וֶועג וָוארִין מַחְמַת זַיין חָכְמָה. הָאט עֶר מִיט קֵיינֶעם נִיט גִיהַאט צוּ שְׁמוּסְן. אוּן עֶר הָאט נִיט גִיהַאט קֵיין אַרְבִּירִיק אַזוֹי וִוי עֶר וִויל. הָאט עֶר גִיהַאט אַלְץ גְרוֹיסֶע יְסוּרִים תָּמִיד.

דֶערְוַוייל לָאמִיר אַוֶועק לֵייגִין דִי מַעֲשֶׂה פוּן דֶעם חָכָם. מִיר וֶועלִין אָנְהֵייבִּין דֶער צֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה פוּן דֶעם תָּם.

דֶער תָּם הָאט זִיךְ גִילֶערְנְט שׁוּסְטִירַיי. אוּן מַחְמַת עֶר אִיז גִיוֶוען אַ תָּם. הָאט עֶר גִימוּזְט זִיךְ אַסַאךְ לֶערְנֶען דִי מְלָאכָה בִּיז עֶר הָאט מְקַבֵּל גִיוֶוען. אוּן הָאט דִי מְלָאכָה נִיט גִיקֶענְט אִין גַאנְצִין. אוּן עֶר הָאט גִינוּמֶען אַ וַוייבּ.

דָאס אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ וָואס דֶער תָּם הָאט גֶעטוּן, עֶר הָאט גֶענוּמֶען אַ וַוייבּ, אוּן דָאס טוּעֶן עֶרְלִיכֶע אִידְן, אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז צוּפְרִידְן אוּן לֶעבְּט מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאט גְלַייךְ חֲתוּנָה אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל.

אוּן עֶר הָאט זִיךְ מְפַרְנֵס גִיוֶוען פוּן דֶער מְלָאכָה. אוּן מַחְמַת עֶר אִיז גִיוֶוען אַ תָּם אוּן עֶר הָאט דִי מְלָאכָה נִיט גִיקֶענְט אַזוֹי וִוי מֶען בַּאדַארְף. מַחְמַת דֶעם. אִיז זַיין פַּרְנָסָה גִיוֶוען מִיט גְרוֹיס דוֹחַק אוּן זֵייעֶר בְּצִמְצוּם. אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גִיהַאט צַייט אַפִילוּ צוּ עֶסִין. וָוארִין עֶר הָאט תָּמִיד גִימוּזְט אַרְבֶּעטִין. מַחְמַת עֶר הָאט נִיט גִיקֶענְט דִי מְלָאכָה אִין גַאנְצִין. נָאר בְּשַׁעַת עֶר הָאט גִיאַרְבֶּעט אַז עֶר הָאט אַיין גִישְׁטֶעקְט דִי נָאל אוּן הָאט דוּרְךְ גִינוּמֶען דִי דְרַאטְוִויא. דֶעמוּלְט הָאט עֶר אַ בִּיס גִיטָאן אַ שְׁטִיק בְּרוֹיט אוּן הָאט גִיגֶעסִין.

אוּן זַיין שְׁטֵייגֶער אִיז גִיוֶוען. עֶר אִיז תָּמִיד פְרֵיילִיךְ גִיוֶוען. אוּן עֶר אִיז גִיוֶוען נָאר אִין שִׂמְחָה תָּמִיד. אוּן עֶר הָאט גִיהַאט אַלֶע מַאֲכָלִים אוּן אַלֶע מַשְׁקָאוֹת אוּן אַלֶע מַלְבּוּשִׁים. עֶר פְלֶעגְט זָאגְן צוּם וַוייבּ. מַיין וַוייבּ. גִיבּ מִיר עֶסִין הָאט זִי אִים גִיגֶעבְּן אַ שְׁטִיק בְּרוֹיט. הָאט עֶר גִיגֶעסְן. דֶערְנָאךְ הָאט עֶר גִיזָאגְט. גִיבּ מִיר דִי יוֹךְ מִיט קַאשֶׁע. הָאט זִי אִים אָפּ גִישְׁנִיטְן נָאךְ אַ שְׁטִיק בְּרוֹיט אוּן עֶר הָאט גִיגֶעסִין. אוּן הָאט זֵייעֶר גִילוֹיבְּט אוּן עֶר הָאט גִיזָאגְט. וָואס פַאר אַ גוּטְקֵייט אוּן וָואס פַאר אַ וואוּילְקֵייט דִי יוֹךְ אִיז. אוּן אַזוֹי הָאט עֶר זִיךְ גִיהֵייסִין גִיבִּין פְלֵייש. הָאט זִי אִים וִוידֶער גִיגִיבְּן בְּרוֹיט. הָאט עֶר גִיגֶעסִין. אוּן הָאט אוֹיךְ זֵייעֶר גִילוֹיבְּט אוּן הָאט גִיזָאגְט וָואס פַאר אַ וואוּילְקֵייט דָאס פְלֵייש אִיז. אוּן אַזוֹי אַנְדֶערֶע מַאֲכָלִים וָואס עֶר הָאט זִיךְ אַלְץ גִיהֵייסִין גִיבְּן אוּן פַאר אִיטְלִיכְן מַאֲכָל וָואס עֶר הָאט זִיךְ גִיהֵייסִין גִיבִּין הָאט זִי אִים אַלְץ גִיגִיבְּן אַ שְׁטִיק בְּרוֹיט. אוּן עֶר הָאט דֶערְפוּן זֵייעֶר גְרוֹיס תַּעֲנוּג גִיהַאט אוּן הָאט זֵייעֶר גִילוֹיבְּט דָאס גִירֶעכְט. וָואס פַאר אַ גוּטְקֵייט סֶע אִיז גְלַייךְ וִוי עֶר וָואלְט עֶס מַמָּשׁ גִיגֶעסִין. וָוארִין עֶר פְלֶעגְט טַאקֶע בֶּאֱמֶת פִילְן אִין דֶעם בְּרוֹיט וָואס עֶר הָאט גִיגֶעסִין דֶעם טַעַם פוּן כָּל הַמַּאֲכָלִים וָואס עֶר הָאט גִיוָואלְט. מַחְמַת זַיין גְרוֹיס תְּמִימוּת אוּן זַיין פְרֵיילִיכְקַייט הָאט עֶר גִיפִילְט דֶעם טַעַם אִין בְּרוֹיט גְלַייךְ וִוי עֶר עֶסְט כָּל הַמַּאֲכָלִים.

דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט אוּנְז דָא אַז דוּרְךְ זַיין גְרוֹיס תְּמִימוּת הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ פִילְן אִין זַיינֶע עֶסְן אַלֶע עֶרְלֵיי טַעֲמִים, אַזוֹי וִוי דִי מָן, וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עַיֵין רַשִׁ"י בַּמִּדְבָּר יא, ה) אַז מֶען הָאט גֶעשְׁפִּירְט דֶערִין אַלֶע טַעֲמִים, אוֹיסֶער קְנָאבְּל אוּן צְוִויבְּל וַוייל קְנָאבְּל אוּן צְוִויבְּל אִיז נִישְׁט גוּט פַאר אַ פְרוֹי אִין דִי טֶעג וָואס זִי וַוארְט אוּן אִין דִי טֶעג וָואס זִי זֵייגְט.

מֶען קֶען נָאךְ זוֹכֶה זַיין הַיינְטִיגֶע צַייטְן צוּ עֶסְן דִי מָן, אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז פְרֵיילִיךְ קֶען עֶסְן סַיי וָואס אוּן עֶר פִילְט דֶערִין אַלֶע גוּטֶע טַעֲמִים, ווִידֶערְאוּם אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ קֶען עֶסְן דִי בֶּעסְטֶע עֶסְן אָבֶּער עֶר פִילְט נִישְׁט קַיין טַעַם דֶערִין. דָאס הָאבּ אִיךְ צוּגֶעזֶען יָארְן צוּרִיק וֶוען מִיר הָאבְּן גֶעעֶפֶענְט דִי הֵיילִיגֶע יְשִׁיבָה; דֶעמָאלְט הָאבְּן מִיר נָאכְנִישְׁט גֶעהַאט קַיין פְּרָאגְרַאמֶען הָאט מֶען גָארְנִישְׁט גֶעגֶעבְּן צוּ עֶסְן, מֶען הָאט נָאר גֶעגֶעבְּן 'בְּרוֹיט', אַ טָאג וָואס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען 'פִּיטֶער' אָנְצוּשְׁמִירְן אוֹיף דִי בְּרוֹיט אִיז

דָאס שׁוֹין גֶעוֶוען אַ 'רַייכֶע מָאלְצַייט', [דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ אֵיינֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ: גֶעדֶענְקְסְט נָאךְ וִוי מִיר פְלֶעגְן זִיךְ צֶעטֵיילְן מִיט אַ בְּרוֹיט, דוּ הָאסְט גֶעגֶעסְן דִי אִינֶעוֵוייניגְסְטֶע שְׁטִיקְל פוּן דִי בְּרוֹיט אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעגֶעסְן דִי רִינְדְל?...] אָבֶּער דִי בָּחוּרִים זֶענֶען גֶעזֶעצְן אִין לָאנְטְשׁ רוּם אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן, בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז עֶס אִיז דָא אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען קֶען זָאגְן מִשְׁנַיוֹת, זֵיי הָאבְּן גֶעשְׁפִּירְט אִין דִי פָּשׁוּט'עֶ בְּרוֹיט אַלֶע טַעֲמִים, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי וואוּנְדֶערְלִיךְ דָאס צוּצוּקוּקְן, דִי בָּחוּרִים זֶענֶען דָאךְ גֶעקוּמֶען פוּן אַנְדֶערֶע יְשִׁיבוֹת וָואס דָארְט הָאט מֶען אַלֶעס גֶעגֶעבְּן, פַאר פְרִישְׁטָאג אִיז גֶעוֶוען: הַארְטֶע אֵייעֶר, לוֹיזֶע אֵייעֶר אוּן אֵייעֶר שְׁפַּייז א.א.וו. אָבֶּער עֶס הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין טַעַם בַּיי זֵיי, עֶס הָאט זֵיי נִישְׁט גֶעמַאכְט פְרֵיילִיךְ, אוֹיבּ דֶער קֶעכֶער הָאט גֶעבְּרֶענְגְט דִי עֶסְן פִינְף מִינוּט שְׁפֶּעט הָאט מֶען שׁוֹין צוּרִיק גֶעוָוארְפְן דִי אֵייעֶר אוֹיפְ'ן קֶעכֶער אִין פָּנִים אַרַיין... אוּן דָא זִיצְן זֵיי מִיט אַזַא פְרֵיילִיכְקֵייט וִוי גְלַייךְ מֶען שְׁפִּירְט אַלֶע טַעֲמִים אִין דִי עֶסְן, וַוייל אַז מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ אִיז אַלֶעס גוּט.

אוּן אַזוֹי פְלֶעגְט עֶר זָאגִין. מַיין וַוייבּ. גִיבּ מִיר אַ טְרוּנְק בִּיר. הָאט זִי אִים גִיגִיבְּן וַואסֶער. פְלֶעגְט עֶר לוֹיבִּין וָואס פַאר אַ וואוּילְקֵייט דָאס בִּיר אִיז.

עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען בְּרֶסְלֶבְ'עֶ חֲסִידִים וָואס פְלֶעגְן רוּפְן וַואסֶער 'דֶעם תָּם'ס בִּיר', צוּ לֶעבְּן מִיט דִי שֵׂכֶל פוּנֶעם תָּם אַז מֶען קֶען זַיין צוּפְרִידְן אֲפִילוּ מִיט וַואסֶער אַנְשְׁטָאט בִּיר.

נָאךְ דֶעם הָאט עֶר גִיהֵייסִין גִיבּ מִיר מֶעד. הָאט זִי אִים גִיגִיבְּן וַואסֶער הָאט עֶר אוֹיךְ אַזוֹי גִילוֹיבְּט. וָואס פַאר אַ גוּטֶער מֶעד דָאס אִיז. גִיבּ מִיר וַויין אָדֶער אַנְדֶערֶע מַשְׁקָאוֹת. הָאט זִי אִים אַלְץ גִיגִיבְּן וַואסֶער. אוּן עֶר הָאט תַּעֲנוּג גִיהַאט אוּן הָאט גִילוֹיבְּט דִי מַשְׁקֶה גְלַייךְ וִוי עֶר טְרִינְקְט זִי.

אוּן אַזוֹי אִין מַלְבּוּשִׁים. אִיז אוֹיךְ אַזוֹי גִיוֶוען. עֶר מִיט זַיין וַוייבּ הָאבִּין בֵּיידֶע גִיהַאט אֵיין פֶּעלְץ אַז עֶר הָאט בַּאדַארְפְט אַ פֶּעלְץ דְהַיְינוּ אִין מַארְק צוּ גֵיין. פְלֶעגְט עֶר זָאגִין מַיין וַוייבּ. גִיבּ מִיר דֶעם פֶּעלְץ. הָאט זִי אִים גִיגִיבְּן. אַז עֶר הָאט בַּאדַארְפְט אַ טוּלִיפּ גֵיין צְווִישְׁן לַייט. הָאט עֶר גִיזָאגְט. מַיין וַוייבּ גִיבּ מִיר דֶעם טוּלִיפּ. הָאט זִי אִים גִיגִיבְּן דֶעם פֶּעלְץ. פְלֶעגְט עֶר גְרוֹיס תַּעֲנוּג צוּ הָאבִּין. אוּן פְלֶעגְט לוֹיבִּין. וָואס פַאר אֵיין וואוּילְקֵייט דֶער טוּלִיפּ אִיז. אַז עֶר הָאט בַּאדַארְפְט אֵיין קַאפְּטִין אִין שׁוּל אַרַיין צוּ גֵיין. הָאט עֶר גִיהֵייסִין אוּן הָאט גִיזָאגְט. מַיין וַוייבּ גִיבּ מִיר דֶעם קַאפְּטִין. הָאט זִי אִים גִיגִיבְּן דֶעם פֶּעלְץ. פְלֶעגְט עֶר צוּ לוֹבִּין אוּן הָאט גִיזָאגְט וָואס פַאר אַ פַיינְקֵייט אוּן וָואסִיר אַ שֵׁיינְקֵייט דֶער קַאפְּטִין אִיז. אוּן אַזוֹי אַז עֶר הָאט בַּאדַארְפְט אָן טָאן אַ יוּפָּא. הָאט זִי אִים אוֹיךְ גִיגִיבְּן דֶעם פֶּעלְץ. פְלֶעגְט עֶר אוֹיךְ לוֹיבִּין אוּן הָאט תַּעֲנוּג גִיהַאט, וָואסִיר אַ פַיינְקֵייט אוּן וָואסִיר אַ שֵׁיינְקֵייט דִי יוּפָּא אִיז. אוּן אַזוֹי בַּיי אַלֶע זַאכִין.

וֶוען מֶען לֶערְנְט דֶעם מַעֲשֶׂה דַארְף מֶען אָבֶּער בַּאמֶערְקְן אַז דָאס אַלֶעס מֵיינְט אָבֶּער נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז מֶען מֶעג גֵיין אָנְגֶעטוּן מִיט צֶערִיסֶענֶע קְלֵיידֶער חַס וְשָׁלוֹם, דָאס אִיז אַ טָעוּת, דֶער תָּם פְלֶעגְט נִישְׁט גֵיין צֶערִיסְן, נָאר עֶר אִיז גֶעוֶוען צוּפְרִידְן מִיט אֵיין קְלֵייד אָבֶּער דָאס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען צֶערִיסְן. דִי וָואךְ הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אַ אִינְגֶערְמַאן וִוי עֶס הֶענְגְט אִים פֶּעדֶעמֶער פוּן זַיין הֶעמְד, אוּן אוֹיבּ זַיין הֶעמְד קוּקְט אַזוֹי אוֹיס קֶען מֶען שׁוֹין אַלֵיין פַארְשְׁטֵיין וָואס טוּט זִיךְ אוּנְטֶער זַיין הֶעמְד, וָואס עֶס טוּט זִיךְ אוּנְטֶער דִי אַתָּה הָרְאֵיתָ... אַ אִיד טָאר נִישְׁט אַזוֹי גֵיין אָנְגֶעטוּן, בִּפְרַט אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד, אַ אִינְגֶערְמַאן דַארְף זִיךְ אַלֵיינְס פַארְזָארְגְן, הָאסְט בַּאקוּמֶען נַייעֶ וֶועשׁ צוּ דַיין חֲתוּנָה אוּן עֶס הָאט זִיךְ שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן צֶערַייסְן, גֵיי קוֹיף דִיר נַייעֶ וֶועשׁ, נִישְׁט דָאס הָאט דֶער רֶבִּי גֶעמֵיינְט מִיטְ'ן תָּם אַז מֶען זָאל גֵיין אָנְגֶעטוּן מִיט צֶערִיסֶענֶע קְלֵיידֶער.

**אוּן עֶר אִיז פוּל גִיוֶוען מִיט שִׂמְחָה אוּן פְרֵייד אוּן לוּסְטִיק תָּמִיד.**

מֵיינְט נִישְׁט אַז דֶער תָּם אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין נָארְמַאלֶער מֶענְטְשׁ, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעדַארְפְט קַיין עֶסְן, קַיין טְרִינְקֶען אוּן קַיין קְלֵיידֶער, אוּן עֶס אִיז אִים גָארְנִישְׁט אָנְגֶעגַאנְגֶען, אַוַודַאי אִיז עֶר גֶעוֶוען אַ נָארְמַאלֶער מֶענְטְשׁ, וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט דֶעם לָשׁוֹן: "אוּן עֶר הָאט גִיהַאט אַלֶע מַאֲכָלִים אוּן אַלֶע מַשְׁקָאוֹת אָוּן אַלֶע מַלְבּוּשִׁים", זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז גֶעוֶוענְלִיךְ הָאט עֶר יָא גֶעהַאט דִי אַלֶע זַאכְן וָואס עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן פוּן זַיין וַוייבּ, עֶר הָאט גֶעהַאט דִי יוֹךְ, דִי קַאשֶׁע, דִי פְלֵייש אוּן דִי אַנְדֶערֶע מַאֲכָלִים; אוּן אַלֶע גֶעטְרַאנְקֶען, דִי בִּיר, דִי מֶעד, דִי וַויין אוּן דִי אַנְדֶערֶע גֶעטְרַאנְקֶען; אוּן אַלֶע קְלֵיידֶער, אַ פְרִיוַואטֶע פֶּעלְץ, אַ טוּלִיפּ, אַ קַאפְּטִין, אַ יוּפָּא; נָאר דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט דָא אַז וֶוען עֶס הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַז זַיין וַוייבּ אִיז נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען אִים צוּ קָאכְן נַאכְטְמָאל, אָדֶער וֶוען זִי אִיז נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען צוּ קוֹיפְן דֶעם גֶעטְרַאנְק

וָואס עֶר הָאט לִיבּ, אָדֶער אָפְּנֶעמֶען דִי קְלֵיידֶער פוּן דִי וֶועשֶׁערְקֶע אוּן פוּן דִי קְלִינֶערְ'ס, אִיז עֶר גֶעוֶוען צוּפְרִידְן מִיט וָואס זִי הָאט אִים גֶעגֶעבְּן, עֶר אִיז גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ מִיט אַלֶעס וָואס זִי הָאט אִים גֶעבְּרֶענְגְט אַנְשְׁטָאט דִי גֶעהֶערִיגֶע עֶסְן, אַנְשְׁטָאט דִי גֶעהֶערִיגֶע טְרִינְקֶען אוּן אַנְשְׁטָאט דִי גֶעהֶערִיגֶע קְלֵיידֶער, עֶר הָאט נִישְׁט אָנְגֶעהוֹיבְּן פַארְפִירְן אוּן שְׁרֵייעֶן 'פַארְוָואס הָאסְטוּ מִיר דָאס נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרְלֶעדִיגֶען??!"

אַז עֶר הָאט שׁוֹין גִימַאכְט דֶעם שׁוּךְ. אוּן מִן הַסְתָּם הָאט דֶער שׁוּךְ גִיהַאט דְרַיי עֶקְן וָוארִין עֶר הָאט זִיךְ דִי מְלָאכָה נִיט גִיקֶענְט אִין גַאנְצִין. פְלֶעגְט עֶר נֶעמֶען דֶעם שׁוּךְ אִין דֶער הַאנְט אַרַיין אוּן הָאט אִים זֵייעֶר גִילוֹיבְּט. אוּן עֶר הָאט גְרוֹיס תַּעֲנוּג גִיהַאט פוּן אִים. אוּן פְלֶעגְט זָאגִין. מַיין וַוייבּ. וָואסִיר אַ שֵׁיינְקֵייט אוּן וָואסִיר אַ וואוֹילְקֵייט דָאס שִׁיכֶעלֶע אִיז. וָואסִיר אַ זִיסְקֵייט דָאס שִׁיכֶעלֶע אִיז. וָואסִיר אַ הָאנִיקְדִיק. וָואסִיר אַ צוּקִירְדִיק שִׁיכֶעלֶע דָאס אִיז. הָאט זִי אִים גִיפְרֶעגְט. אַז עֶס אִיז יוֹא אַזוֹי פַאר וָואס אַנֶדערֶע שׁוּסְטִירְס נֶעמֶען דְרַיי גוּלְדֶען פַאר אַ פָּאר שִׁיךְ. אוּן דוּ נֶעמְסְט נָאר אַ הַאלְבִּין טָאלֶער. (דְהַיְינוּ אַ גוּלְדְן מִיט אַ הַאלְבִּין) הָאט עֶר גִיעֶנְפֶערְט. וָואס הָאט דָאס צוּ מִיר. דָאס אִיז יֶענֶעמְס מַעֲשֶׂה. אוּן דָאס אִיז מַיין מַעֲשֶׂה. אוּן וִוידֶער וָואס הָאבִּין מִיר צוּ שְׁמוּסִין פוּן אַנֶדערֶע לַייט. לָאמִיר נָאר אָנְהֵייבְּן בַּארֶעכֶענֶען וִויפִיל אִיךְ גֶוִוין דָא אִין דֶעם שִׁיכֶעל מִיד לְיַד. דִי לֶעדֶער קָאסְט מִיךְ אַזוֹי פִיל. זַיְוִויצֶע אוּן דְרַאטְוַוים קָאסְט אַזוֹי פִיל. לַאפְּקִיס אַזוֹי פִיל. אוּן אַזוֹי אַנֶדערֶע זַאכִין אַזוֹי פִיל. הַיינְט גִיוִוין אִיךְ מִיַד לְיַד צֶעהֶן גְרָאשִׁין. נָא וָואס אַיירְט עֶס מִיךְ אַזוֹי אַ רֶוַוח מִיַד לְיַד. אוּן עֶר אִיז גִיוֶוען נָאר פְרֵיילִיךְ אוּן לוּסְטִיק תָּמִיד.

דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער סוֹד פוּנֶעם תָּם, עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג נָאר גֶעקוּקְט אוֹיף זִיךְ, עֶר הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף אַנֶדערֶע, דֶערְפַאר אִיז עֶר שְׁטֶענְדִיג גֶעוֶוען צוּפְרִידְן אוּן פְרֵיילִיךְ. אַז מֶען קוּקְט גוּט זֶעט מֶען אַז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע זַאךְ וָואס לָאזְט נִישְׁט דֶעם מֶענְטְשׁ וַואקְסְן אוּן מַצְלִיחַ זַיין אִיז דָאס אַז עֶר טְרַאכְט שְׁטֶענְדִיג פוּן אַנֶדערֶע, עֶר טְרַאכְט שְׁטֶענְדִיג פוּן יֶענֶעם... 'יֶענֶער הָאט אַזַא שֵׁיינֶע שְׁטְרַיימְל', 'יֶענֶער הָאט אַזַא שֵׁיינֶע טַלִּית', 'יֶענֶער אִיז אַזַא פְרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ', 'יֶענֶער אִיז אַלְץ רוּאִיג, זַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען אַלְץ וואוֹיל אוּן מְסוּדָר', 'יֶענֶער הָאט אַ שֵׁיינֶע אוֹיסְזֶען, עֶר קוּקְט אוֹיס גוּט', 'יֶענֶער הָאט אַ בֶּעסֶערֶע הוֹיז, עֶס אִיז נִישְׁט בַּיים עֶק נָאר אִינְמִיטְן דִי גַאס, עֶר הָאט פֶענְסְטֶערְ'ס בַּיי אַלֶע זַייטְן...' יֶענֶער הָאט בֶּעסֶער חֲתוּנָה גֶעהַאט וִוי מִיר' [וִוי אַזוֹי קֶען עֶר דָאס וִויסְן...?!] - דָאס אַלֶעס שְׁטֶערְט דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן בְּלִיעֶן אוּן מַצְלִיחַ זַיין, דֶערְפַאר דַארְף אַ מֶענְטְשׁ נָאר קוּקְן אוֹיף זִיךְ, דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס עֶס אִיז מִיט אִים, 'בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ הָאבּ אַ שֵׁיינֶע שְׁטְרַיימְל', 'בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ הָאבּ אַ שֵׁיינֶע טַלִּית', 'בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ קוּק אוֹיס גוּט', 'בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ הָאבּ אַ הוֹיז', 'בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ בִּין פְרֵיילִיךְ', 'בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ הָאבּ אַ וַוייבּ אוּן קִינְדֶער'.

וַוייל בֶּאֱמֶת קוּמְט זִיךְ מִיר גָארְנִישְׁט, אַלֶעס וָואס אִיךְ הָאבּ יָא אִיז אַ מַתָּנָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. מוֹהֲרַא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג זָאגְן אַז מֶען זָאל גֵיין לְכָל הַפָּחוֹת אֵיין מָאל אַ חוֹדֶשׁ אִין שְׁפִּיטָאל מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְוָה פוּן בִּיקוּר חוֹלִים. מוֹהֲרַא"שׁ פְלֶעגְט זָאגְן, אַז חוּץ דִי מִצְוָה וָואס מֶען אִיז מְקַיֵּים בַּיים בַּאזוּכְן אַ חוֹלֶה, וֶוערְט דֶער מֶענְטְשׁ פְרֵיילִיךְ אוּן עֶר הָאט מֶער נִישְׁט קַיין טַעֲנוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל עֶר הֵייבְּט אָן זֶען אַז זַיין צָרָה, דִי שְׁוֶועריקֵייטְן וָואס עֶר גֵייט אַרִיבֶּער, אִיז נָאךְ מִיט גְרוֹיס חֲסָדִים אוּן דִי צָרָה אִיז נִישְׁט אַזוֹי גֶעפֶערְלִיךְ, עֶר הֵייבְּט אָן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר אִיז גֶעזוּנְט, עֶר קֶען גֵיין אוּן קוּמֶען, עֶר קֶען עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען וְכוּ' וְכוּ'. אִיךְ זָאג אַז עֶס מֵיינְט נִישְׁט דַוְקָא אַז מֶען דַארְף גֵיין בִּיזְ'ן שְׁפִּיטָאל, בִּפְרַט אִין דִי יֶעצְטִיגֶע טֶעג וָואס דִי שְׁפִּיטֶעלֶער לָאזְן דָאךְ נִישְׁט גֶעהֶערִיג אַרַיין קַיין בַּאזוּכֶערְס, נָאר מֶען קֶען דָאס אוֹיךְ מְקַיֵּים זַיין וֶוען מֶען גֵייט בַּאזוּכְן אַ זֵיידֶע בַּאבֶּע וָואס לִיגְט אִין בֶּעט אִינְדֶערְהֵיים, וֶועט מֶען אָנְהֵייבְּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען אִיז גֶעזוּנְט.

אַ מֶענְטְשׁ וָואס וֵוייסְט אַז עֶס קוּמְט זִיךְ אִים גָארְנִישְׁט, עֶר דַארְף גָארְנִישְׁט, עֶר הָאט גָארְנִישְׁט - אִיז עֶר אַלְץ פְרֵיילִיךְ, וַוייל וִוילַאנְג עֶר הָאט עֶפֶּעס הָאט עֶר מוֹרָא אֶפְשָׁר וֶועט מֶען עֶס אִים צוּנֶעמֶען, אֶפְשָׁר וֶועט עֶפֶּעס פַּאסִירְן, אָבֶּער אַז עֶר דַארְף גָארְנִישְׁט אִיז עֶר אַלְץ פְרֵיילִיךְ.

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד, רֶבִּי יִשְׂרָאֵל קַארְדוּנֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, שְׁרַייבְּט זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי יִשְׂרָאֵל בֶּער אוֹדֶעסֶער ז"ל אִינֶעם סֵפֶר 'יִשְׂרָאֵל סָבָא', [דִי עֶרְשְׁטֶע חֵלֶק פוּנֶעם סֵפֶר אִיז זֵייעֶר שֵׁיין, מֶען זֶעט וִוי אַזוֹי דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶ אִידְן הָאבְּן גֶעלֶעבְּט מִיט אַ דְבֵיקוּת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּיז דִי צְוֵוייטֶע חֵלֶק וָואס דָארְט רֶעדְט זִיךְ שׁוֹין פוּן דִי מְשׁוּגַעַת פוּן נַ נַחְ...] אַז זַיין רֶבִּי, ר' יִשְׂרָאֵל הָאט זַיין גַאנְץ לֶעבְּן גֶעגֶעסְן נָאר בְּרוֹיט אוּן פּוּטֶער אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען צוּפְרִידְן מִיט דֶעם.

דָאס אִיז נִישְׁט נָאר גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן 'בְּגַשְׁמִיּוּת' דָאס אִיז אוֹיךְ גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן 'בְּרוּחָנִיּוּת'; אַ מֶענְטְשׁ טָאר נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אַנֶדערֶע אֲפִילוּ וֶוען עֶס קוּמְט צוּ רוּחָנִיּוּת, 'מַיין חַבֵר דַאוֶונְט בֶּעסֶער פוּן מִיר', מַיין חַבֵר לֶערְנְט מֶער פוּן מִיר', דָאס הָאט נִישְׁט צוּטוּן מִיט מִיר, 'בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז אִיךְ דַאוֶוען', 'בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז אִיךְ לֶערְנֶען', אוּן דָאס וָואס טוּט זִיךְ מִיט יֶענֶעם הָאט גָארְנִישְׁט מִיט מִיר, דָאס אִיז יֶענֶעמְ'ס מַעֲשֶׂה אוּן דָאס אִיז מַיין מַעֲשֶׂה.

אַז מֶען פִירְט זִיךְ אִין דִי וֶועגְן פוּנֶעם תָּם, צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן מִיט יֶעדֶע זַאךְ, וֶוערְט מֶען צוּם סוֹף דֶערְהוֹיבְּן, אַזוֹי וִוי דֶער תָּם וָואס הָאט צוּם סוֹף זוֹכֶה גֶעוֶוען אַז דֶער קֶענִיג הָאט אִים גֶעמַאכְט פַאר דֶער מִינִיסְטָאר אִיבֶּער אַלֶע מִינִיסְטָארְן.

## זִינְגֶען מִיט דִי פֵייגְלֶעךְ

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי זוּמֶערְ'דִיגֶע טֶעג, יֶעצְט, אוּם חוֹדֶשׁ נִיסָן, אִיז דִי צַייט וָואס דִי פֵייגְלֶעךְ מַאכְן זֵייעֶרֶע נֶעסְטְן, אִינְדֶערְפְרִי וֶוען אִיךְ גֵיי אִין גַאס הֶער אִיךְ זֵייעֶר קוֹל וִוי זֵיי קְוִויטְשְׁקֶענֶען אַרוּם, זֵיי זָאגְן דֶעמָאלְט שִׁירָה צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז אַזוֹי גֶעשְׁמַאק מִיט צוּ זִינְגֶען מִיט זֵיי לוֹיבְּן אוּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַז מֶען שְׁטֵייט אוֹיף שְׁפֶּעט דִי לֶעצְטֶע מִינוּט, וֶוערְט דִי גַאנְצֶע טָאג גֶעיָאגְט, מֶען הָאט שׁוֹין נִישְׁט קַיין צַייט צוּ גָארְנִישְׁט, אָבֶּער אַז מֶען שְׁטֵייט אוֹיף אִינְדֶערְפְרִי בֶּעפָאר מֶען וֶוערְט פַארְיָאגְט אִיז מַמָּשׁ אַ מְחַיֶּה צוּ שְׁפַּאצִירְן אוֹיפְ'ן גַאס אוּן מִיט זִינְגֶען מִיט דִי פֵייגְלֶעךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען שְׁמוּעֶסְט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דָאס גוּטְס וָואס מֶען הָאט. אֵיינְמָאל הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט פַאר זַיין טָאכְטֶער שָׂרָה, בְּשַׁעַת וֶוען עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט אִיר אוֹיף אַ שְׁפַּאצִיר: "וֶוען דוּ וָואלְסְט וֶוען זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הֶערְן דָאס גֶעזַאנְג פוּן דִי גְרָאז וָואלְסְטוּ גֶעהֶערְט וִוי יֶעדֶע גְרָאז זִינְגְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וִוי גוּט אוּן וִוי אַנְגֶענֶעם אִיז צוּ הֶערְן וִוי זֵיי זִינְגֶען זֵייעֶרֶע לִידֶער אוּן וִוי וואוֹיל אִיז זִיךְ צוּ מִתְבּוֹדֵד זַיין צְוִוישְׁן זֵיי (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קסג)".

בֶּאֱמֶת הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעהַאט אִין פְּלַאן אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען אַ פְּלַאץ פַאר דִי בָּחוּרִים צוּ זַיין אִין קֶעמְפּ בְּמֶשֶׁךְ דִי זוּמֶער וָואכְן, פַארְגַאנְגֶענֶע יָאר זֶענֶען מִיר שׁוֹין נָאר גֶעוֶוען אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי, בְּמֶשֶׁךְ דִי זוּמֶער וָואכְן, אָבֶּער אַזוֹי וִוי אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען וִוי מִיר גֵייעֶן אַרִיבֶּער דֶעם פָּרָשָׁה וְכוּ' וְכוּ' הָאבּ אִיךְ בַּאשְׁלָאסְן אַז מִיר וֶועלְן יָא אַרוֹיסְנֶעמֶען אַ קֶעמְפּ הֵיי יָאר פַאר דִי בָּחוּרִים, מוֹהֲרַא"שׁ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט: "וֶוען מֶען כַאפְּט אַ פַּאטְשׁ גֶעבְּט מֶען נִישְׁט צוּרִיק אֵיין פַּאטְשׁ, מֶען גֶעבְּט צוּרִיק אַפָּאר פֶּעטְשׁ"; וִוי נִישְׁט וִוי, זִיץ אִיךְ אִין קֶעמְפּ מֶער צַייט מִיט דִי בָּחוּרִים אוּן מֶען גֶעבְּט אַ גַאנְצְן טָאג שִׁיעוּרִים, וְוִיל אִיךְ אָנְהֵייבְּן יְשִׁיבָה מִיט אַ פְרִישְׁקֵייט אַזוֹי וִוי מִיר הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן פַאר דְרַייצְן יָאר צוּרִיק, אִין יָאר תשס"ט וֶוען מִיר הָאבְּן גֶעעֶפֶענְט דִי יְשִׁיבָה, אִיךְ וֶועל זִיצְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף מִיט צְוָואנְצִיג בָּחוּרִים אוּן זֵיי מְחַזֵּק זַיין דֶעם גַאנְצְן זוּמֶער, דֶערִיבֶּער בִּין אִיךְ דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם דָאנֶערְשְׁטָאג אַרוֹיסְגֶעפָארְן אוֹיף דִי בֶּערְג צוּ זוּכְן אַ קֶעמְפּ פַאר דִי בָּחוּרִים, זַייעֶנְדִיג אוֹיף דִי בֶּערְג הָאבּ אִיךְ גֶעשְׁפִּירְט אַ מוֹרָא'דִיגֶע זִיסֶע טַעַם אִין דִי הִתְבּוֹדְדוּת, אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁפִּירְט וִוי דִי גְרָאז זִינְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִיךְ הָאבּ מִיט גֶעזִינְגֶען מִיט זֵיי [דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: דֶער רֶבִּי הָאט טַאקֶע גֶעזָאגְט אַז אַ מֶענְטְשׁ קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ הֶערְן זֵייעֶר גֶעזַאנְג, אִיךְ הֶער דָאס נִישְׁט, אָבֶּער אִיךְ שְׁפִּיר אַז זֵיי זִינְגֶען, קֶען זַיין אַז אִיךְ שְׁפִּיר דָאס צוּלִיבּ דֶעם וָואס אִיךְ גְלֵייבּ אִינֶעם רֶבִּי'ן וָואס זָאגְט אַז יֶעדֶע גְרָאז זִינְגְט זַיינֶע לִידֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר מֵיין אִיךְ שׁוֹין אַז אִיךְ שְׁפִּיר זֵייעֶר גֶעזַאנְג, אָבֶּער דוּ בִּיסְט דָאךְ אוֹיךְ אַזוֹי, דָאס וָואס דוּ שְׁפִּירְסְט דַיין גֶעשְׁמַאק וֶוען דוּ זִיצְט אִין דַיין שֵׁיינֶע קַאר, וָואס שְׁפִּירְסְטוּ דֶען? דָאס אִיז אוֹיךְ וַוייל דוּ הָאסְט גֶעהֶערְט אַז אַ שֵׁיינֶע קַאר אִיז גֶעשְׁמַאק בִּיז דוּ פִילְסְט אַז דוּ שְׁפִּירְסְט עֶס שׁוֹין...].

לָאמִיר אַהֵיימְגֵיין מַאכְן אַ שֵׁיינֶע סְעוּדָה; מַאךְ נִישְׁט קַיין קְרִיגֶערֵייעֶן מִיט דַיין וַוייבּ אַז עֶס פֶעלְט דָאס אוּן יֶענְץ פוּן דִי סְעוּדָה, זֵיי פְרֵיילִיךְ מִיט וָואס דוּ הָאסְט יָא, זִינְג אוּן טַאנְץ מִיט דִי קִינְדֶער, וֶועסְטוּ שְׁפִּירְן אַלֶע טַעֲמִים אִין דִי חַלָּה אַזוֹי וִוי דֶעם תָּם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

אוּן אַז מִיר וֶועלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אָמֵן.